©Copyright 1998 Artists For Israel International All Rights Reserved.

# יוחנן

דער דבר השם וואס גיט חיות איז געווען פון מעשה בראשית. מיר האבן אים געהרט און מיט אונדזער אוגיען גזייען.מיר האבן אים באטראכט און האבן אים מיט אונזער הענט אונגערירט.
חיים איז אנטפלעגט געווארען,און מיר האבען עס גזייען.מיר זיינען דעראויפ עדות. און מיר זאגן אייך און חיי נצח(אייביקע חיים).ער איז מיט דער פאטער געוון און ער האט זיך מגלה געווען(אנטפלעקט);צו אונז. וואס מיר האבן געזן און געהערט זיינען מיר אייך מבשר(פראקלאמירען) כדי איר זאלט אויך התקשרות( חברשאפט) מיט אונז.אונזר התקשרות איז מיט דער פאטער און מיט זיין זון,ישוע המשיח. מיר שרייבען די זאכען כדי אונזער שמחה זאל זיין פול.
אט איז דער בשורה וואס מיר האבען פון אים געהרט:ג-ט איז ליכטיגקייט און אין אים איז קיין פינצטערניש-בכלל נישט.
אויב מיר טענען מיר זיינען צו אים מקושר(פארבונדען) בשעת מיר גייען אין חושך,זיינען מיר ליגנערס און מיר לעבען

נישט מיטען אמת. אבער אויב מיר גייען יא אין דער ליכטיגקייט.דאן האבען מיר חברשאפט איינער מיט די צווייטען און דער געגאסענע בלוט פון זיין זון ישוע איז אונז מטהר(רייניקט) פון אלע עבירות(זינד). אויב מיר טענען מיר האבען קיין עבירות נישט מיר נארען זיך אליין אופ און אמת איז נישט אין אונדז.
אויב מיר זיינען מודה אונדזער עבירות,ער איז יושרדיק און באגלייבט ,ער וועט זיי מוחל זיין און רייניג אונז אויס פון אלע מין שלעכטס.
אויב מיר טענען מיר זינדיקן נישט, מיר מאכן אים פאר א ליגנער און זיין תורה איז נישט אין אונדז.

## קפיטל 2

קינדער איף שרייב אייך כדי איר זאלט נישט זינדיקען.אבער אויב איר זינדיקט יא, מיר האבען ישוע המשיח, דער צדיק ווער איז מליץ יושר(פארטיידיקט)ביי דער פאטער(אין הימל)פאר אונז.
ער איז אויך דער כפרה פאר אונזער

עבירות,נישט נאר פאר אונז אבער פאר דער גאנסער וועלט.
דער זיכערע וועג אים צוקענען איז מקיים זיין זיינע מצוות
דער וואס זאגט אז ער קען אים און ער איז נישט מקיים זיין מצוות דער מענטש איז א ליגנער;דער אמת איז נישט אין אים.
אבער ווען איינער טוט יא וואס ער האט געזאגט,דעמאלט האט אהבת השם(ליבע פאר ג-ט) עם געברענגט דערצו באמת.אין אזא וויז זיינען מיר זיכער מיר זיינען מיט עם מקושר(פארבונדען).
איינער ווער טהנט אז ער איז ווייטער מיט עם בקשר זאל פירען זיין עגענער לעבען אזוי ווי ער האט געפירט.
טייערע פריינט,איך שרייב אייך נישט מיט א נייער געבאט(מצווה).להיפוך,ס'איז אן אלטע מצווה וואס איר האט פון אונפאנג געהט;דער אלטע מצווה איז דער בשורה איר האבען שוין פון לאנג געהערט.
דאך שרייב איך אייך א נייער מצווה וואס איר אמת איזביידער אין עם און אין אייך אונגעזען;ווייל דער חושך גייט אוועק און אור(ליכטיגקייט) הייבט און צו שיינען.
יעדער איינער ווער זאגט ער איז אין די

אור(אמת)און  גלייכצייטליך האט ער זיין
ברודער פיינט,איז ער נאך
בחושך(פינצטערניש)
דער ווער לאסט נישט אפ ליבהאבען זיין
ברודער אט ער בלייבט אין די אור און
גארנישט קען עם מאכען פאלען.
אבער דער ווער האט זיין ברודער פיינט,איז
ער אין חושך(פינצטערניש)-יא,ער גייט
אין חושך און ווייסט נישט  אווו ער
גייט,ווייעל דער חושך האט זיין אויגען
בלינד געמאכט.
צו אייך קינדער שרייב איך ווייעל אייער
עבירות(זינד)זיינען אין זיין זכות מוחל
געווען.
צו אייך טאטעס שרייב איך ווייעל איר האבן
אים געקענט,אט דער ווער פון בראשית
עגסעסטירט( איז קיים).
צו אייך יונגערלייט שרייב איך ווייעל
איר האבן אייער יצר הרע  אוועקגעלייגט.
אייך קינדער האב איך געשריבן ווייעל איר
האבן אים  געקענט דער פאטער (אין
הימעל).
אייך טאטעס האב איך געשריבען
ווייעל איר האבען אים אנערקענט דער
ווער איז קיים פון  ימי בראשית.אייך
יונגעלייט האב איך געשריבן ווייעל איר

זייט שטארק און האבן דער יצר הרע מנצח געווען.
האט נישט ליב דער  עולם הזה(דער וועלט) און די זאכען פון דער וועלט.אויב איינער האט ליב דער וועלט  דעמאלט ליבשאפט צו ג-ט איז נישט אין אים.
אלעס וואס איז אין דער וועלט,די תאוות פון דער חומר און דער גלוסט פון די אויגען און די פרעטענציאס פון דעם לעבען, אט זיינען נישט פון דער פאטער(אבינו שבשמים)אבער פון  עולם הזה.
עולם הזה(דער וועלט) מיט איר תאוות פארגייען אבער דער ווער איז מקיים  ג-ט'ס וויל(רצון) האט חיי נצח(אייביקע חיים).
קינדערלעך ס'איז אחרית הימים(די לעצטע צייט):איר האבן געהרט אז ש געגענער פון משיח וועט קומען,אבער יעצט זיינען א סאך געגענעס פונמשיח.דעריבער ווייסן מיר אז ס'איז אחרית הימים.
זיי זיינען אוועק פון אונדז אבער זיי זיינען קיין מאל נישט געווען מיט  אונדז.ווען זיי וואלטען געווען מיט אונדז ווארשיינדלעך וואלטען זיי ווייטער געגאנגען מיט אונדז.אבער מיט זייער אוועגיין ווייזען זיי אז זיי זיינען קיין מאל נישט געווען אונזערע.

אבער ווי באלט  איר האבן פארשטאנד פון ג-
ט(רוח הקודש)ווייסן  איך אלעס.
איך האב אייך געשריבן נישט ווייעל איר
ווייסען נישט דער אמת אבער ווייעל איר
ווייסן יא.קיין ליגען איז נישט געבויעט
אויף אמת.
ווער איז א ליגנער -- נישט איינער ווער איז
מכחיש(לייקענט) אז ישוע איז משיח?אזא
איינער איז א געגנער פון משיח --ער איז
מכחיש אין דער פאטער(אבינו שבשמים)און
אין זיין זון ישוע  אויך.
דער ווער לייקענט אין דער זון האט  דער
פאטער אויך נישט,אבער דער ווער אנערקענט
דער זון  האט דער פאטער אויך דאס וואס איר
האבן פון אונהייב געווסט זאל מיט אייך
בלייבן.  ווייעל אויב  דאס וואס
איר האבן געהערט בלייבט אין
אייך,וועלען איר בלייבן מקושר(פארבונדען)מיט
סיי דער פאטער און סיי  דער זון.
אט דאס האט ער אונדז צוגעזאגט:חיי
עולם(אייביקע לעבען). איך האב אייך גשריבן
די זאכען וועגן מענטשען ווער פרובירן אייך
אופצונארען. יעצט פאר אייך,דער הייליגע
השפעה פון דער פאטער איז  געבליבען אין
אייך,דעריבער ס'איז נישט נויטיג איינער זאל
מיט אייך לערנע להיפך אזוי ווי זיין גייסט

לערנט מיט אייך נאך ענינים וועגען אלעס און
זי איז אמת,נישט קיין פאלשע. אזוי ווי
ער האט אייך גלערנט אזוי  זאלט איר
בלייבען  מיט אים בקשר ( פארבונדען).
יעצט קינדער בלייבט מיט אים בקשר און ווען
ער וועט נתגלה ווערן(אנטפלעקט)מיר קענען
זיין שטאלץ  און זיך נישט דארפען
באהאלטען פון אים מיט בושה ווען ער
קומט.
אויב איר ווייסט אז ער איז א בעל חסד זאלט
איר אויך וויסן אז ער איז דער פאטער
פון אלעמען ווער טוהען חסד.

## קפיטל 3

1  זיי וואס פאר א ליבשאפט דער פאטער האט
אונז געשענקט    ווען ער האט אונז געלאזט
אנגערופען ג-ט'ס קינדער .ווייעל אט דאס
זיינען מירעדער סיבה דער וועלט אנערקענט
אונז נישט איז ווייעל זיי האבען עם נישט
געקענט.
גייערע פריינט,מיר זיינען ג-ט'ס קינדער
יעצט און עס איז נישט קלאר וואס מיר

וועלען ווערען.ציר ווייסען נאר ווען
ער וועט נתגלה,וועלען מיר זיין אזוי
ווי ער,ווייעל מיר וועלען עם זען ווי
ערווירקליך איז.
אלע ווער האבען די תקוה(הופאנונג) אין
עם,איז ער זיך ווייטער מטהר ווייעל
דער אויבעשטער איז טהור.
דער ווער גייט זינדיקען ברעכט דער תורה-
טאקע עבירות זיינען ברעכען מצוות
פון דער תורה.
אור ווייסען אז ער איז געקומען
אוועקצונעמען עבירות;אין עם איז
נישט דא קיין עבירות.דער ווער גייט
און זינדיקען דעריבער קיינער ווער איז מיט
עם בקשר איז ממשיך זינדיקען;יעדער איינער
ווער
זינדיקט ווייטער האט ער עם נישט
געזען און נישט געקענט.
קינדער לאסט קיינער אייך אופנארען--ס'איז
דער מענטש ווער טוט ווייטער וואס איז
גערעכט ווער איז א צדיק.
דער ווער איז ממשיך זינדיקען איז פון דער
שטן ווייעל דער שטן האט געזינדיקט
פון אונהייב(מעשה בראשית).אט צוליב
דעם איז דער זון פון ג-ט געקומען צו
פארניכטען די מעשי(זאכען)שטן.

קיינער ווער האט ג-ט אלס פאטער קען ממשיך זינדיקען צוליב די זריעה פון ג-ט
וואס בלייבט אין אים.דאס הייסט ער קען מער נישט ווייעל ער האט ג-ט אלס זיין פאטער.

אזוי זיינען ג-ט'ס קינדער געקענט און אויך דער שטן'ס :דער ווער טוט נישט צדק און ווער האט נישט זיין ברודער ליב, איז נישט מיט ג-ט.

וויעל אט דטס האבען אייך פון אונהויה געהערט אז מיר זאללען ליב האבען איינער דער צווייטען.

וישט זיין ווי קין ווער איז געוועך פון דער שטן און האט זיין אייגענער ברודער געהרגעט. פארוואס-ווייעל זיין אייגענער מעשים זיינען געוועך רישעסדיק ווייעל זיין ברודערס איז געוועך רעכפארטיק.

זייט נישט נתפואל מיינע ברידער ווען דער וועלט האט אייך פיינט.

מיר ווייסען אז מיר זוונען געגאנגען פון מוות לחיים (פון טויט צום לעבען) ווייעל מיר האבען ליב די די ברידער. דער ווער האט זיין ברודער נישט ליב,איז אין מוות.

דער ווער האט זיין ברודער איז א

רוצח (מערדערער)ת□יר ווייסען אז א
רוצח האט נצחיותדיקע חיים אין זיך.
מיר קענענען ג-ט'ס ליבשאפט פאר אונז
ווייעל ער האט זיין לעבען
אוועקגעגעבען פאר אונז און מיר
וואלטען געדארפט אוועקגעבען אונזר
לעבען פאר דער ברידערשאפט.
דער ווער פארמאקט און, זעינדיק זיין
ברודער'ס נויט,און ער ווייזט נישט
קיין רחמונות-ווי קען קען ג-ט'ס ליבע
זיין אין אים.
( מיינע) קינדערליך לאמיר נישט ליב האבען
דארך רעדען נאר מיטען צונג אבער מיט
מאכען בפועל  און באמת.
אין אזא וויז ווייסען מיר אז מיר זיינען
שייך צום אמת און מיר זאלען זיין
פארזיכערט פאר אים.
אויב וואס איז  אין אונזער הארץ פארדאמט
אונז,ג-ט איז פול גרעסער פון אונזער
הערצער ווייעל ער ווייסט אלעס.
באליבטער, אויב אונזער הערצער פארדאמען
אונז נישט,דעמאלסט זיינען מיר זיכער
פאר ג-ט.
און וואס מיר זאלען נאר בעיטען ביי אים
באקומען מיר ווייעל מיר היטען  אפ
זיין מצוות און מאכען דאס וואס

געפעלט אים.
אט דאס איז זיין מצוה-מיר זאלען  גלויבען
אין (דער נאמען פון )ישוע המשיח און
מיר זאלען ליב האבען איינער פאר דעם
צווייטען  און ליב האבען איינער
פארען צווייטען אזוי ווי ער האט אונז
אנגעזאקט.
די ווער טוען זיינע מצוות האבען א חלק אין
אים און ער אין  זיי.מיר ווייסען מיט
דעם אז ער איז מיט אונז ביי דער
רוח(גייסט) וואס ער האט אונז
געגעבען.

## קפיטל 4

מיינע טייערע,גלויבט נישט יעדער
רוחניותדיקע(גייסטליך) זאך אבער
פרוווט די אלע רוחניותדיקע זאכען אויב
ס'איז פון ג-ט.דאס איז ווייעל א סאך
פאלשע נביאים זיינען אין דער וועלט.
אזוי זאלט אייך דערקענען ג-ט'ס גייסט.יעדער
גייסט וואס איז  מודה אז ישוע המשיח
איז  געקומען קערפערלעך  אט ער  איז
פון ג-ט.

און יעדער גייסט וואס איז נישט מודה אז
ישוע המשיח איז געקומען קערפערלעך.אט
איז נישט פון ג-ט:און דער גייסט פונם
משיח'ס געגנער פון וועגען איר האבן
געהרט עס וועט קומען און אפילו יעצט
געפינזיך אין וועלט.
קינדערלעך,איר זיינען ג-ט'ס און איר האבען
זיי(דער רוח געגען
משיח)איברגעקומן:דעריבער גרעסער איז
ער אין אייך ווי דער ווער איז אין די
וועלט.
זיי זיינען אין די וועלט דעריבער
רעדען זיי וועלטליכע זאכען און די
וועלט הערט זיי אויס.
מיר זיינען פון ג-ט:דער ווער איז פון ג-ט
הערט אונז אויס;דער ווער איז נישט פון
ג-ט הערט אונז נישט אויס.דעריבער
דערקענען מיר דער רוח פון אמת און
דער רוח פון שקר(ליגענט).
מיינע ליבע,לאמיר ליב האבעןאיינער דעם
צווייטען:ווייעל ליבע קומט פון ג-
ט;אלע ווער ליבט איז געבורען פון ג-ט
און קען ג-ט.

דער ווער האט נישט ליב קען נישט ג-ט ווייעל
ג-ט איז אהבה.

ג-ט'ס לבע צו אונז איז אויסגידרוק דאך
דעם וואס ג-ט האט געשיקט זיין איין
איינציגער זון צו דער וועלט כדי מיר
זאללען דאך אים לעבען.
אזוי איז די אהבה נישט מיט דעםפ וואס מיר
האבן ג-ט ליב געהאט נאר ער האט אונז
ליב געהאט און האט געשיקט זיין איין
איינציגער זון צום וועלט צו זיין
אונזער כפורה.
ליבע,אויב ג-ט האט אונז אזוי ליב דארפן מיר
ליב האבען איינער דעם צווייטען.
קיין מענטש האט א מאל געזען ג-טאויב מיר
האבן ליב איינער דעם צווייטען ג-ט רוט
צווישען אונז און זיין ליב איז מושלם
אין אונז.
דערמיט ווייסן מיר אז מיר זיינען אין אים
און ער איז אין אונז,ווייעל ער האט
אונז פון זיין רוח(גייסט)געגעבן.
און מיר האבן געזען און זאגן עדות אז דער
פאטער האט געשיקט דער זון צו זיין דער
גואל(אויסלייזער)פון דער וועלט.
דער ווער וועט מודה זיין אז ישוע איז דער
זון פון ג-ט, ג-ט ריט אין אים און ער
איז אין ג-ט.
מיר האבן געקענט און געגלויבט די
אהבה(ךיבשאפט)וואס דער אויבעשטער האט

פאר אונז.ג-ט איז אהבה און דער ווער
לעבט אין אהבה,לךעבט אין ג-ט און ג-ט
איז אין אים.
אזוי איז אונזער אהבה מושלם כדי מיר
זאללען זיין שטולס אין דער יום הדין
ווייעל אזוי ווי ער איז אזוי זיינען
מיר אויך אין דער וועלט.
דער איז קיין פחד(מורא)נישט אין
אהבה;אבער
אמתע אהבה טרייבט ארויס פחד:ווייעל פחד
איז פון עונש(שטראף)דער ווער האט פחד
איז נישט מושלם דורך אהבה.
מיר האבן אים ליב ווייעל ער האט אונז
צומערשט ליבגעהאט.
אויב איינער זאגט אז ער האט ליב ג-ט און ער
האט זיין ברודער פיינט,איז ער א
ליגנער:אויב ער האט נישט ליב זיין
ברודער וועמען ער קען זען ווי אזוי
קען ער ליב האבן ג-ט וועמען ער זעט
נישט.
און די מצוה האבן מיר פון אים:דער ווער
האט ג-ט ליב,מוז זיין ברודער ליב
האבן אויך.

# קפיטל 5

דער ווער גלויבט אז ישוע המשיח איז
געבורען  פון ג-ט;און אללע
ווער האבן אים ליב ווער האט
אים געבודען האט אויך ליב דער
ווער איז פון אים געבורען.
אין אזא ווייז ווייסען מיר אז מיר
האבן ג-ט׳ס קינדער ליבתווען מיר האבן
ג-ט ליב און היטען אפ זיינע מצוות.
ווייעל אט דאס איז ליב פאר ג-ט אז מיר
היטען אפ זיינע מצוות.און זיינע
מצצוות זיינען נישט שווער.
דער ווער איז געבורן פון ג-ט קען
בייקומען דער וועלט.און דאס איז
דער נצחון מיט וואס מיר זיינען
מתגבר,אט אונזר אמונה.
ווער איז דער ווער איז מתגבר איבער דער
וועלט,נאר דער ווער גלויבטישוע
איז דער זון פון ג-ט.
ער(ישוע) איז דער ווער איז געקומען דאך
וואסער און דאך בלוט.עס איז דער
גייסט ווער איז מעיד ווייעל דער

גייסט איז אמת.
ס'זיינען דריי אין הימעל ווער זיינען
מעיד,דער פאטער דער
ווארט(תורה)און דער רוח הקודש:און
די דריי זיינען איינס.
און ס'זיינען דריי אופן ערד ,דער
רוח,דער וואסער,און דער בלוט:די
דריי זיינען איינשטימיק.
אויב מיר נעמען און עדות פון מענטשען
עדות פון ג-ט איז גרעסער:און דאס
איז דער עדות פון ג-ט וואס ער האט
געזאגט וועגען זיין זון.
דער ווער גלויבט אין דער זון פון ג-ט
האט א באשטעטקונג אין זיך:דער ווער
גלויבט נישט ג-ט האט אים גמאכט
פאר א ליגנער ווייעלער גלויבט
נישט די עדות ער האט געגעבן פון
זיין זו. און אט דאס איז דער עדות אז ג-ט
האט אונז געגעבן חיי עולם (אייביקע לעבען).
דער ווער האט דער זון האט
חיות (לעבען) און דער ווער האט נישט
דער זון האט נישט חיות.
אט דיזע זאכען האב איך אייך גשריבן די
ווער גלויבן אין דער נאמען פון
ג-ט'ס זון;כדי איר זאללן וויסן אז
איר פארמוגן חיי עולם און כדי איר

זאללען גלויבן אין דער נאמען
פונדער זון פון ג-ט.
און דאס איז די אמונה(צוטרוי)וואס מיר
האבן אין אים ווען מיר בעטן אבי
וואס לויט זיין רצון(ווילן)ער
הערט אונדז.
און ווען מיר ווייסן אז ער הערט אונדז
וואס מיר זאללען נאר בעטןתווייסן
מיר אז מיר האבן בקשות וואס מיר
האבן פון אים געבעטן.
אויב איינער זעט זיינער ברודער עובר
זיין אן עבירה וואס איז נישט צו
מוות,זאל ער בעטן און ער(ג-ט)וועט
אים געבן לעבען אנשטאט טויט צו די
ווער זינדיקן נישט צום טויט.עס
איז אן עבירה צום טויט אבער איך
זאג נישט מיר זאללען בעטן
דעראויף. אלע אומגערעכט איז אן עבירה
(זינד) ,און עס איז אן עבירה נישט צום
מוות. מיר ווייסן אז דער ווער איז
געבורן פון ג-ט זינדיקט נישט;נאר דער
ווער איז געבורן פון ג-ט איז באשיטצט
און דער שטן קען אים נישט
אונרירן.
מיר ווייסן מיר זיינען פון ג-ט און דער
גאנסער וועלט איז אין די הענט פון

דער שטן.
מיר ווייסן אז דער זון פון ג-ט איז געקומען און האט אונדז געגעבן פארשטאנד ווער איז אמת.דערצו זייוען מיר מיט דער אמתע זיין זון ישוע המשיחעער איז דער אמתע ג-ט און חיי עולם.
קינדערלעך היט זיך אופ פון פאלשע געטע (עבודה זרה).